# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין**
**וואס דא האָט זיך געטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### מְקֻדָּשׁ מְקֻדָּשׁ

דער שַׁבָּת איז גאָר אַ דערהויבענער שַׁבָּת, מען בענטשט שוין דעם הייליגן חֹדֶשׁ נִיסָן. א׳ נִיסָן איז דער טאָג וואס איז באַקרוינט געוואָרן מיט צען קרוינען, אַזוי ווי רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ ברענגט אויפן פָּסוּק ׳וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי׳.

אונז ברסלבע׳ע חֲסִידִים האָבן נאָך אַ סִבָּה צו זיין פריילך ווייל אין דעם טאָג איז געבוירן געוואָרן דער הייליגער גרויסער רבי, און זיין געבורטס טאָג איז געווען שַׁבָּת.

דעריבער איז עס אַ געוואַלדיגע געלעגנהייט זיך צו באַניַיען אין רבינ׳ס וועג. יעדער איד לויט זיין עלטער און אומשטענדן קען אָנהייבן פון דאָסניי צו פאָלגן דעם רבינ׳ס עֵצוֹת, צי איז דאָס מיט תְּפִלָּה בְּכַוָּנָה, אָדער זאָגן תְּהִלִּים - לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אָדער אַנדערע סְפָרִים פון רבי׳ן, אָדער זיך באַניַיען מיט רִקּוּדִים און מְחִיאַת כַּפַּיִם. יעצט פאַר פֶּסַח קען מען זיך באַניַיען מיט כִּבּוּד אָב וָאֵם אַרויסצוהעלפן אין שְׁטוּב צו ריַיניגן לִכְבוֹד יוֹם טוֹב מיט שִׂמְחָה און חִיּוּת.

די מִצְוָה
פון קִדּוּשׁ
הַ ח ֹ דֶ שׁ ,

איז צו מְקַדֵּשׁ זיין די לְבָנָה ווען זי איז נאָך זייער קליין, מַמָּשׁ אַ דינע פּינטל, אַזוי ווי אַ נְקוּדָּה טוֹבָה און דעמאָלטס דאַרף מען איר זוכן ביז די עֵדוּת זאָגן אַז מען האָט איר געזען און זיי קומען צום בֵּית דִּין, און בֵּית דִּין זאָגט אויף די נייע לְבָנָה ״מְקֻדָּשׁ מְקֻדָּשׁ״, דאָס הייסט דורך דעם וואס בֵּית דִּין און גאַנץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זאָגן ׳מְקֻדָּשׁ׳ ברענגט מען אַרויף די לְבָנָה פון איר פּעלער און זי הייבט אָן זיך אָנפילן.

פּונקט אַזוי איז געווען די גְאוּלָה פון מִצְרַיִם, כְּלַל יִשְׂרָאֵל איז געווען אויף זייער אַ נידעריגע מַדְרֵיגָה, דאָס איז וואס האָט זיך דרינגענד אויסגעפּעלט אַלץ דער ״שְׁלִישׁ״ צו גְאֻלַּת מִצְרַיִם. כְּלַל יִשְׂרָאֵל האָט זיך געפונען אין גאָר אַ נידריגן מַצָּב אין רוחניות, די קַטֵּגוֹרִים אויף זיי איז געווען געפערליך, אַזויווי מען זעהט ווי דער יָם האָט געטענה׳ט: ״הַלָּלוּ וְהַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה״, די מַצָּב איז געווען ווייט נישט פָּשׁוּט.

וואס האָט דער אייבערשטער געטאָן? ער האָט אַפּירגעזוכט עטליכע קליינע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פון כְּלַל יִשְׂרָאֵל און מיט דעם זיי באַפרייט, אַזויווי חֲזַ״ל זאָגן: ״בִּשְׁבִיל אַרְבָּעָה דְבָרִים נִגְאֲלוּ יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם״ (ויקרא רבא ל״ב), דער אייבערשטער האָט כִּבְיָכוֹל אויך מְקַיֵּים געווען די עֵצָה פון

המשך אויף קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

"אֲזַמְּרָה" צוּ טְרֶעפְן דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דֶערְמִיט הָאט כְּלַל יִשְׂרָאֵל טַאקֶע צוּרִיק בַּאקוּמֶען אִיר אֱמֶת'ע שֵׁיין אוּן גְלַאנְץ אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוּן בַּאפְרַייט גֶעוָוארְן "מִכַּף חוֹבָה" - פוּן אַלֶע מְקַטְרְגִים אוּן דִינִים אוּן פוּן אַלֶע נַיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, "לְכַף זְכוּת" - צוּ דִי הֶעכְסְטֶע קְדוּשָׁה, דִי אֱמֶת'ע פְרַייהַייט!

אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז אֲפִילוּ זַיי זֶענֶען אִין אַזַא מַצָּב פוּן דֶעסְט וֶועגְן 'בְּדָמַיִךְ חֲיִי, בְּדָמַיִךְ חֲיִי', זַייט זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי קְלֵיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹי וִוי ס'וֶועט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מִדְרָשׁ אַז צוּלִיב פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי אִידְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, דָאס קוּמְט לֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ זַיי הָאבְּן נָאר גֶעהַאט דִי קְלֵיינֶע נְקוּדוֹת זֶענֶען דָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן. פוּנְקְט אַזוֹיוִוי דִי עֶרְשְׁטֶע גְאוּלָה אִיז צוּשְׁטַאנְד גֶעקוּמֶען בְּלוֹיז דוּרְךְ דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטְרָאפְן אִין אוּנְז, אַזוֹי אוֹיךְ דִי צְווייטֶע גְאוּלָה, דֶערְקְלֶערְט רֶבִּי נָתָן, אִיז אוֹיךְ בְּלוֹיז גֶעוָואנְדְן, וִוי מֶער מִיר וֶועלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן אוֹיפְזוּכְן אוּן קוּקְן בְּלוֹיז אוֹיף אוּנְזֶערֶע גוּטֶע חֲלָקִים, אוֹיף דִי 'נַארִישׁ אוֹיסְזֶעעֶנְדֶע' נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַלְץ מֶער וֶועלְן מִיר מְקָרֵב זַיין דִי פוּלְקָאמֶע גְאוּלָה, בְּקָרוֹב, אָמֵן!

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דֶעם חֹדֶשׁ צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת. עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער מַאֲמָר חֲזַ"ל בְּנִיסָן נִגְאֲלוּ וּבְנִיסָן עֲתִידִין לִיגָאֵל אָמֵן וְאָמֵן.

# טייערע ברסלב'ע קינדער



די וואך איז די לעצטע וואך פאר די קינדער וואס וועלן ענטפערן די שאלות (מען מוז נישט ענטפערן אלע) וועלן אריינגיין אין א גורל אויף 50 ₪ אדער $15 צו קענען קויפן אין א יודעיקא געשעפט אין דיין געגנט.

- וואס לערנסטו פון רבי'ן וויאזוי נישט צו פארלירן די טייערע צייט אין די בין הזמנים טעג?
- וואס לערנסטו ארויס פון רבינ'ס לימודים וויאזוי צו פטור ווערן פון דער חמץ פון הארץ?
- וועלכע ספרים פון רבי'נס חדר ווילסטו בעז"ה לערנען אין די ניסן טעג?
- וועלכע זאך וואלסטו געוואלט מען זאל מער שרייבן אין רבי'נס ליכט?
- פון וועלכע אפטיילונג האסטו די מערסטע הנאה פון רבי'נס ליכט?
- קענסט אריינשיקן, מעשיות, אדער שיינע גראמען (קענסט בעטן הילף פון עלטערע) פון רבי'נס עצות לכבוד פסח [בערך 10-20 שורות]

די תשובות דארף מען איבערלאזן אין טעל-ליין אויף קנעפל 7 מיט דיין נאמען און טעלעפאן נומער,

די גראמען מעשיות קען מען איבערגעבן ביי די משגיחים ר' יואל יאראוויטש און ר' משה געפנער הי"ו (אויב ס'איז נישט צו לאנג קען מען דאס אריינזאגן אין טעל-ליין)

די אלע וואס שיקן מעשיות און גראמען וועלן אויך אריינגיין בעז"ה אין גורל.




*המשך פון פאריגע וואך. ר' יצחק גלבך איז אנגעקומען קיין סיביר און דארטן נישט פארגעסן פון דעם רבי'נס הייליגע עצה צו מאכן יעדן טאג התבודדות. איין טאג האט ער באגעגנט א דאקטער א איד און אים אויך אויסגעלערנט די עצה פון התבודדות.*

*פון דעמאלטס אן האט דער דאקטער פארערכנט דעם יונגן בחור'ל פאר זיין רבי און מורה דרך.*

*יעצט ליינט ווייטער*

כדי צו 'פארדינען' דאס טעגליכע פארציע וואס איז באשטאנען פון א הארט שטיקל ברויט, האט יצחק'ל זיך געדארפט פלאגן גאר שווער, אונטער שרעקליכע אומשטענדן. איין טאג, האט יצחק'ל שוין מער נישט געקענט אויסהאלטן די גאר שווערע ארבעט אין די ביטערע קאלטע פרעסטן, און ער איז פלוצלינג צוזאמענגעפאלן באוואוסטלאז. בשעת ער גרייט זיך שוין צוריקצוקערן זיין נשמה צום באשעפער, איז ער מתפלל אין זיין מחשבה אז ער זאל כאטש זוכה זיין צו קומען צו קבר ישראל.

זיינע חברים, זעענדיג ווי ער גייט אויס פארנט פון זייערע אויגן, האבן גארנישט געקענט טוהן מער ווי אויסדרוקן זייער מיטלייד.

די נייעס איבער יצחק'ל'ס צושטאנד האט זיך צושפרייט, און איז אנגעקומען אויך צום דאקטער וועלכער האט זיך געאיילט צו קומען העלפן זיין באליבטע צדיק'ל. דער דאקטער האט אים געפונען פאר'חלש'ט אויף די קאלטע אייז, ער האט זיך געטריי אפגעגעבן מיט אים, געריבן זיין שטערן, און אים געגעבן פארשידענע מעדיצינען. ווען ער האט זיך ענדליך דערמונטערט, האט דער דאקטער באפוילן מען זאל אים נעמען אין די לאקאלע שפיטאל. רבי יצחק איז צוביסלעך געקומען צו די כוחות, און אנגעהויבן גיין אויף די אייגענע צוויי פיס, א זאך וואס איז געווען ממש א קלארע 'נס מן השמים'. א קורצע צייט שפעטער האט זיך די מלחמה געענדיגט. דער פירער פון זיין אפטיילונג האט אים גערופן און אים געלאזט וויסן אז ער איז פריי! דער פירער האט אים געפרעגט צו וועלכע שטאט ער וויל גיין, מען האט אים געגעבן א מאפע, און ער האט אויסגעוועלט צו גיין צו די שטאט וועלכע איז די נענסטע צו אומאן.

מיד און צובראכן האט זיך רבי יצחק געטראפן ביים טויער פונעם לאגער נאכ'ן גערעטעוועט ווערן פון א זיכערע טויט. אין די קליין טארבע אויף זיין ארעם איז געווען איינגעפאקט אביסל עסן פאר די קומענדיגע טעג. אויך בשעת די נסיעה זענען אריבער אויף אים גאר שווערע צייטן, אבער ביי יעדע ריר האט ער קלאר געזעהן וויאזוי די השגחה עליונה היט אויף אים. אין מאסקעווע, גלייך ביים אפשטייגן פונעם באן, האט ער באגעגנט א איד וועלכע האט אים צוגעפירט גראד צום שטוב פונעם דערהויבענער חסיד רבי נתן שטערנהארץ, (א זוהן פון רבי

אברהם שטערנהארץ זי"ע, א בן אחר בן פון הרה"ק רבי נתן מברסלב זיע"א) וואס האט אים ענטפאנגען מיט גרויס שמחה, און אים געגעבן פון אלעם וואס ער האט נאר פארמאגט אין שטוב, רבי נתן האט אפילו זיין אייגענע בעט געגעבן פאר'ן גאסט, בשעת ער אליין האט זיך געלייגט שלאפן אויף די הוילע ערד.

פון דארט האט רבי יצחק פארגעזעצט זיין וועג קיין אומאן, ווי ער האט געטראפן דעם ציון הקדוש ליידער אינגאנצן חרוב.

דארט האט ער געהערט אז זיין נסיעה האט אים געראטעוועט פון א זיכערע טויט, וויבאלד רוב מענטשן פון זיין היים-שטאט זענען נעבעך אומגעקומען על קידוש השם דורך די נאציס ימ"ש.

אינעם שטאט אומאן, אונטערן שאטן פונעם הייליגן רבי'נס ציון, האט ער זוכה געווען צו פארשפרייטן תורה און מצוות מיט מסירת נפש ממש אונטערן ריקן פון די קעי דשי בי, ביז ער איז ארויף געגאנגען קיין ארץ ישראל ווי ער האט אויפגעשטעלט א משפחה מיט קינדער און אייניקלעך, וועלכע פאלגן נאך די דרכים פון זייער גרויסע זיידע ביזן היינטיגן טאג.

# סיפורי מעשיות מעשה י' - דער בערגער און דער אָרימאן 5

אוּן דֶער 'קֵיסָר' – נָאכְדֶעם אַז סְ'אִיז שׁוֹין גֶעטָאן גֶעוָוארְן דֶער 'מִשְׁפָּט', אִין דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן' – אוּן עֶר אִיז אִים שׁוֹין פָּטוּר גֶעוָוארְן (וָוארְן דֶער 'קֵיסָר' הָאט גֶעמֵיינְט: אַז מֶען הָאט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַזוֹי גֶעטָאן דֶעם 'מִשְׁפָּט' אִין דֶעם 'בָּחוּר', אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף 'דֶער וֶועלְט' נִישְׁט דָא) – הַיינְט קֶען עֶר שׁוֹין אַ 'שִׁידוּךְ' טָאן מִיט זַיין 'טָאכְטֶער'.

הָאט מֶען אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן 'שִׁידוּכִים' – מִיט 'דֶעם מֶלֶךְ', אוּן מִיט 'דֶעם מֶלֶךְ'!

אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעמַאכְט אַ 'הוֹיף', אַזוֹי־וִוי דֶער סֵדֶר אִיז – אוּן זִי אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן – אוּן זִי הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען 'פַּאנֶעס' 'שָׂרוֹת טֶעכְטֶער' [טֶעכְטֶער פוּן שָׂרִים], זֵיי זָאלְן מִיט אִיר זַיין.

אוּן זִי אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן – אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁפִּילְן אוֹיף 'כְּלֵי־שִׁיר', אַזוֹי־וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז.

אוּן וָואס מְ'הָאט אִיר גֶערֶעדְט 'שִׁידוּכִים' – הָאט זִי אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז זִי וִויל נִישְׁט קַיין 'רֵייד', דְהַיְינוּ: [אַז] מְ'זָאל [נָאר בְּלוֹיז] רֶעדְן [פוּן] דֶעם 'שִׁידוּךְ' – נָאר עֶר זָאל אַלֵיין קוּמֶען (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס עֶר וִויל זִי נֶעמֶען)"!

אוּן זִי הָאט זֵייעֶר וואוֹיל גֶעקֶענְט 'חָכְמַת־הַשִּׁיר' (דְהַיְינוּ: דִי 'חָכְמָה', [אַז] מְ'זָאל רֶעדְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע

׳לִידֶער׳ מִיט גְרוֹיס ׳חָכְמָה׳).

און זִי הָאט גֶעמַאכְט מִיט [פַאכְמַאנִישֶׁע] ׳מְלָאכוֹת׳, אַ ׳אָרְט׳ [פְּלַאץ] – וָואס ׳עֶר׳ זָאל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף דֶעם ׳אָרְט׳ (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס עֶר וִויל זִי נֶעמֶען) – און ׳עֶר׳ זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן אַקֶעגְן ׳אִיר׳, און ׳עֶר׳ זָאל רֶעדְן אַ ׳שִׁיר׳, דְהַיְינוּ: אַ ׳שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק׳, אַזוֹי־וִוי אַ ׳חָשׁוּק׳ רֶעדְט צוּ זַיין ׳חֲשׁוּקָה׳ (דְהַיְינוּ: רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט).

זֶענֶען גֶעקוּמֶען ׳מְלָכִים׳ זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין – און זֵיי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם ׳אָרְט׳ – און זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אִיטְלֶעכֶער זַיין ׳שִׁיר׳!

הָאט זִי [צוּ] אַ טֵייל [פוּן זֵיי], אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אַ ׳תְּשׁוּבָה׳ דוּרְךְ אִירֶע ׳פַּאנֶעס׳ – אוֹיךְ מִיט אַ ׳שִׁיר׳, און מִיט ׳לִיבְּשַׁאפְט׳.

און [צוּ] אַ ׳טֵייל׳, וָואס זֵיי זֶענֶען אִיר מֶער גֶעפֶעלְן – הָאט זִי זֵיי אַלֵיין גֶעעֶנְטְפֶערְט – און זִי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִיר ׳קוֹל׳ מִיט אַ ׳שִׁיר׳ – און זִי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיךְ, ׳רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט׳.

און צוּ אַ ׳טֵייל׳, וָואס זֵיי זֶענֶען אִיר נָאךְ בֶּעסֶער גֶעפֶעלְן – הָאט זִי זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעוִויזְן ׳פָּנִים־אֶל־פָּנִים׳ – און זִי הָאט אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אִיר ׳פָּנִים׳ – און זִי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַ ׳שִׁיר׳ מִיט ׳לִיבְּשַׁאפְט׳.

און צוּ ׳אַלֶע׳, הָאט זִי אַלְץ אוֹיסְגֶעלָאזְט צוּם סוֹף: ״דִי ׳וַואסֶערְן׳, זֶענֶען אָבֶּער אִיבֶּער דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען״! און סְ׳הָאט קֵיינֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זִי מֵיינְט.

און אַז זִי הָאט אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אִיר ׳פָּנִים׳ – פְלֶעגְט מֶען אַנִידֶערְפַאלְן, מַחֲמַת [אִיר] גְרוֹיס ׳שֵׁיינְקֵייט׳! און אַ ׳טֵייל׳, זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן ׳חֲלָשׁוּת׳!

און אַ ׳טֵייל׳, זֶענֶען ׳מְשׁוּגָע׳ גֶעוָוארְן – מַחֲמַת ׳חוֹלַת אַהֲבָה׳ – מַחֲמַת אִיר גְרוֹיס ׳שֵׁיינְקֵייט׳, וָואס סְ׳אִיז זֵייעֶר־זֵייעֶר וִוילְד גֶעוֶוען!

און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט – כָאטְשֶׁע זֵיי זֶענֶען ׳מְשׁוּגָע׳ גֶעוָוארְן, און זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן ׳חֲלָשׁוּת׳ – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, פְלֶעגְן ׳מְלָכִים׳ קוּמֶען, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר.

און זִי הָאט זֵיי אַלֶע אַזוֹי אָפְּגֶעעֶנְטְפֶערְט, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

און דֶער ׳זוּהְן׳ פוּן דֶעם ׳בֶּערְגֶער׳ הַנַ״ל – אִיז זִיךְ דָארְט גֶעזֶעצְן אוֹיף דֶעם ׳אָרְט׳ (הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – און עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גֶעמַאכְט אַ ׳אָרְט׳ [פְּלַאץ] צוּ זִיצְן דֶערִינֶען – און עֶר אִיז זִיךְ דָארְט גֶעזֶעצְן.

און עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעקֶענְט ׳שְׁפִּילְן׳ – און עֶר הָאט גֶעקֶענְט ׳חָכְמַת־הַשִּׁיר׳ – הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן ׳הָאלְץ׳ וָואס מְ׳קֶען דֶערוֹיף מַאכְן ׳כְּלֵי־שִׁיר׳ (דְהַיְינוּ: ׳כֵּלִים׳ וָואס מְ׳שְׁפִּילְט אוֹיף זֵיי) – און עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ׳כְּלֵי־שִׁיר׳ – און פוּן דִי ׳אָדֶערְן׳ פוּן דִי ׳חַיוֹת׳, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט ׳סְטְרוּנֶעס׳ – און עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּ ׳שְׁפִּילְן׳.

און עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען דָאס ׳כְּתַב׳ וָואס עֶר גֶעהַאט, וָואס זִי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט (דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דֶער ׳שִׁבְיָה׳

[גֶעפֶּענְגֶענִישׁ]) – אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעשְׁפִּילְט – אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט: וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן], אוּן וִוי דֶער 'פָּאטֶער' אִיז גֶעוֶוען אַ 'בֶּערְגֶער' וְכוּ', אוּן הַיינְט אִיז עֶר אַהֶער פַּארְוָוארְפְן גֶעוָוארְן.

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט גֶענוּמֶען דָאס 'כְּתַב' – אוּן הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ 'סִימָן' אִין אַ 'בּוֹים' – אוּן עֶר הָאט דָארְט אִין דֶעם 'בּוֹים', גֶעמַאכְט אַ 'אָרְט' – אוּן [עֶר] הָאט דָארְט דָאס 'כְּתַב' בַּאהַאלְטְן – אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אַ [שְׁטִיק] צַייט.

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'שְׁטוּרֶעם-ווִינְט' – אוּן עֶר הָאט צוּבְּרָאכְן אַלֶע 'בֵּיימֶער' וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען דֶעם 'בּוֹים' וָואס עֶר הָאט דָארְט בַּאהַאלְטְן דָאס 'כְּתַב'.

וָוארְן אַז [וֶוען] דִי 'בֵּיימֶער' זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט – הָאט עֶר גֶעהַאט אַ 'סִימָן' צוּ דֶערְקֶענֶען [דֶעם 'בּוֹים'] – אָבֶּער הַיינְט אַז זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעפַאלְן – אִיז דֶער 'בּוֹים' פַּארְמִישְׁט גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן דִי אִיבְּרִיגֶע 'בֵּיימֶער' וָואס סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען זֵייעֶר פִיל – הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען דֶעם 'בּוֹים'.

אוּן דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] – אַז מְ'זָאל אוֹיפְשְׁפַּאלְטְן אַלֶע 'בֵּיימֶער', אוּן מְ'זָאל זוּכְן דָאס 'כְּתַב' – וָוארְן סְ'גֶעוֶוען זֵייעֶר פִיל 'בֵּיימֶער'.

הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט – אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען.

אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט דָא זִיצְן – וֶועט עֶר בְּוַודְאַי מְשׁוּגָע וֶוערְן – מַחֲמַת גְרוֹיס 'צַעַר' וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט".

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "עֶר מוּז אַוֶועקְגֵיין וַוייטֶער – אוּן וָואס סְ'וֶועט זִיךְ שׁוֹין מִיט אִים טָאן – לָאז [זָאל] זִיךְ טָאן – [אָבֶּער] גֵיין אַוֶועק [פוּן דָא] מוּז עֶר – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין בְּלוֹא-זֶה (בְּלוֹיז) [אַזוֹי אוֹיךְ] מְסוּכָּן זֵייעֶר, מַחֲמַת גְרוֹיס 'צַעַר'"!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען 'פְלֵייש' אוּן 'פֵּירוֹת', אִין אַ 'זַאק' אַרֵיין – אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וואוּהִין עֶר וֶועט גֵיין!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט 'סִימָנִים', אִין דֶעם 'אָרְט' וָואס עֶר אִיז פוּן דָארְט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'יִשׁוּב'!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ 'מְדִינָה' אִיז דָאס"? – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ מְ'הֶערְט דָא פוּן דֶעם 'קֵיסָר' (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"? – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא"!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ מְ'הֶערְט דָא פוּן זַיין 'טָאכְטֶער' דִי 'יְפַת-תּוֹאַר'"? – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא"! לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] סְ'קֶען זִיךְ קֵיינֶער מִיט אִיר נִישְׁט מְשַׁדֵךְ זַיין (כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – וָוארְן זִי ווִיל קֵיינֶעם נִישְׁט, כַּנַ"ל)!

שם: ______________



# לאמיר זיך פארהערן

## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (5)

**א. האט דער קיסר געוואוסט דער אמת אויב דער זון פון בערגיר לעבט?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ ער איז געווען מסופק

**ב. וועלכע שידוכים האט מען אנגעהויבן רעדן פאר די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ מיט קעניגן
- ❑ חשובע הערן
- ❑ גרויסע עשירים

**ג. וואו איז די טאכטער פון קיסר געזיצן מיט אירע חבר'טעס?**
- ❑ אין א קעניג'ליכן פאלאץ וואס מ'האט איר געבויט
- ❑ אין איר מאמע'ס הויז
- ❑ אין א חצר וואס איר טאטע האט פאר איר געמאכט

**ד. וואס האט די טאכטער פון קיסר דארט געטאן?**
- ❑ געמאלעוועט בילדער
- ❑ געזונגען
- ❑ געשפילט אויף כלי שיר

**ה. וואס האט זי געענטפערט אויף אלע שידוכים וואס מ'האט איר פאר געלייגט?**
- ❑ איך וועל זיך איבער טראכטן
- ❑ איך וועל פרעגן דער קיסר
- ❑ אבער די זיבן וואסערן זענען דיר ניט איבער געגאנגען

**ו. ווער האט פארשטאנען וואס דאס מיינט?**
- ❑ אלע קעניגן
- ❑ נאר איין קעניג
- ❑ קיינער האט נישט פארשטאנען

**ז. וואס האט דער זון פון בערגיר געטאן אין מדבר?**
- ❑ ער האט זיך געמאכט א ארט (פלאץ) דארט צו זיצן
- ❑ ער האט זיך געמאכט כלי שיר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואו האט ער באהאלטן די כתב וואס ער האט באקומען פון די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ אין א בוים
- ❑ אין א הייל
- ❑ אין א גרוב אין דער ערד

**ט. פארוואס האט ער זיך מיישב געווען אז ער מוז אוועק גיין פון די מדבר?**
- ❑ ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ❑ ווייל די בוימער זענען געווארן אויסגעמישט, האט ער שוין נישט קיין שאטן
- ❑ ווייל ער וועט משוגע ווערן פון צער אז ער האט נישט די כתב

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

**סיפור שבכתב**

מיט וועלכע זאך איז דער בן הבערגיר געראטן צו די בת קיסר?



**תשובות פון פאריגע וואך:**

אין וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט אז איינער איז געגאנגען אין מדבר? אין מעשה א' - דער משנה למלך - ביי מעשה י"א דער אמת'ן בן המלך - דער בן השפחה

**דער געווינער פון בערגיר ועני #3 איז: הילד החשוב אלי' וויינשטאק, בית שמש. 8690****

**מען קען באקומען א מתנה ביים משגיח אין חדר ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## קְלָארֶע וַואסֶער - אַ קְלָארֶע מֹחַ

עֶס שְׁטֵייט אַ שִׁיסְל, עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דֶערִינֶען וַואסֶער וָואס קוּקְט אוֹיס אוֹיבְנאוֹיף רֵיין אוּן קְלָאר, אָבֶּער ווִי נָאר מֶען שְׁטֶעלְט קָאכְן דִי וַואסֶער הֵייבְּט עֶס אָן טַאנְצְן אוּן דִי וַואסֶער וֶוערְט אוֹיסְגֶעמִישְׁט, דִי הִיץ בְּרֶענְגְט אַרוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁמִיץ אוֹיפְן אוֹיבֶּערְפְלַאךְ, עֶס שְׁווִימְט אַלֶעס אַרוֹיף. עֶס פֶעלְט אוֹיס אֵיינֶער זָאל שְׁטֵיין גְרֵייט אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי אָפְּפַאל פוּן דִי וַואסֶער.

עֶס הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעקוּקְט אָנְהֵייבּ אַז דִי וַואסֶער אִיז רֵיין צִיכְטִיג, אוּן טַאקֶע נָאכְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי שְׁמִיץ וָואס שְׁווִימְט אַרוֹיף בְּלַייבְּט בֶּאֱמֶת דִי וַואסֶער לוֹיטֶער רֵיין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.



פַאר אַ אִיד גֵייט אַרַיין אִין עֲבוֹדַת ה', זֶענֶען זַיינֶע גוּטֶע אוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים אוֹיסְגֶעמִישְׁט, וִויבַּאלְד זֵיי זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעמִישְׁט דֶערְקֶענְט זִיךְ נִישְׁט אִין אִים זַיין שְׁלֶעכְטְס ווַייל עֶס אִיז ווִי אֵיינְס מִיט דִי גוּטְס. ווִי נָאר מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מֶען וֶוערְט נָאנְט מִיטְן צַדִיק, הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעקְלָארְט, אוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס קוּמְט כְּסֵדֶר אַרוֹיף אוֹיפְן אוֹיבֶּערְפְלַאךְ גֶענוֹי ווִי מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אִין דֶער מָשָׁל פוּן דִי וַואסֶער.

עֶס דַארְף זַיין אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט דֶערְבַּיי אוּן עֶר זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען זַיינֶע פְּסֹלֶת - דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אַזוֹי וֶועט דֶער אִיד וֶוערְן בֶּאֱמֶת לוֹיטֶער רֵיין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אִינְ'אֱמֶת'ן וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטְס - דִי אָפְּפַאל אוּן שְׁמוּץ גְלַייךְ וֶוען דֶער אִיד קוּמְט מִיט אַ רָצוֹן צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער וָואס זָאל מֶען טוּן, אַז מֶען וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי בְּלָאטֶע פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ קֶען נָאךְ זַיין מֹחַ אוֹיךְ מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן, ווַייל עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעמִישְׁט אִינְאֵיינֶעם. דֶערְפַאר בִּיז מֶען דָאס טוּן צוּשְׁטֵייטְלִיךְ, טְרִיט בַּיי טְרִיט בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט.

דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען אַז וֶוען אַ אִיד ווִיל אַרַיינְגֵיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם צַדִיק קוּמְט אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן בִּלְבּוּלִים, אַזוֹי ווִי בַּיי דֶער מָשָׁל.

(שיחות הר"ן ע"ט)

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר עקיבא יוסף כהן הי"ו
לרגל הבר מצוה של בנו היקר למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יחיאל מיכל ליכטנשטיין הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מאיר רוזנבוים הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב